„Radomer - Kielcer Leben" 23 (363) „Należytość pocztowa uiszczona ryczałtem" VIII-טער יאהרגאנג פרייז 25 גראשען

פרייטאג 12 יוני

Radom, dnia 12 Czerwca 1931 r.

ראדאם, פרייטאג, כ״ו סיון תרצ״א

Redakcja i Administracja
Radom, Żwarlikowska 20

Oddział w Kielcach.

אנאנסען - פרייזן:
אין פעליטצעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאכן " 23 "
די ז-טע און לעצטע זייט טענהעלטען 3 שפאלטן
אין טעקסט 4 "

# ראדאמער-קעלצער לעבען

---

Koledze naszemu P. GISSEROWI z powodu przedwczesnej śmierci

## B. P. ŻONY Jego

wyrażają najserdeczniejsze współczucie

Dyrekcja, Grono Nauczycielskie i Personel Administracyjny gimnazjum t-wa „Przyjaciół Wiedzy" w Radomiu.

---

Drogiemu Panu Profesorowi P. GISSEROWI
z powodu przedwczesnej śmierci

## B. P. ŻONY Jego

składają wyrazy szczerego współczucia
Młodzież Gimnazjum Niższego t-wa „*Przyjaciół Wiedzy*" w Radomiu

---

## דאנקזאגונג.

איך דריק אויס דעם טיפסטען דאנק דעם גינעקאלאג און אקושער **ד״ר הערטץ** פאר זיין ריכטיגע און וואונדערליכע ארבייט ביים אננעמען ביי מיין פרוי א ערשטלינג. איך האב פשוט נישט קיין ווערטער פון לויב און רוהם פארן ד״ר הערטץ. ער האט מיר אבגעראטעוועט צוויי נפשות: מיין פרוי און דאס קינד. זיין טריי-איבערגעגעבענע און אונערמידליכע ארבייט איז באמת נישט אבצושאצען.

איך ווינש דעם ד״ר הערטץ גרויס ערפאלג און ער זאל מצליח זיין אין אלע וועגן.

**יואל רייכמאן** פלאץ יאגעלאנסקי 14
[רייטשול].

---

אונזער טיפסטען מיטגעפיהל און ביילייד דריקען מיר אויס אונזער ברודער און שוואגער **פנחס גיסער**
צוליב דעם פלוצלינגען און פריהצייטיגען טוידט פון זיין יונג-פערשטארבענער פרוי

## לאה

זאל ער א טרייסט געפונען אין דער גרינגער ערציהונג און אין דער גליקליכער צוקונפט פון זיין בן-יחיד׳ל.

**שמואל צימעראנט עט פרוי.**

---

## W GARBATCE

przyjmę lekcje od 15 czerwca. Zakres 8-iu klas

WIADOMOŚĆ: Radom, StaroKrakowska 23
lub Garbatka, Podlas 131.

*Student ROZENBAUM.*

---

מיר דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל
אונזער מתפלל און גבאי פישעל טענענבוים
צוליבן טוירט פון זיין פאטער

## שלמה נ. ע.

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

חברה **„אהבת חברים"** אין ראדאם.

---



## אכטונג בלאכאזשעס!

אריגינעל ענגליש צין „Banka" 5 zł. 80 gr. א קלג.
הייך בליי 80 גראשען א קלג.
פערקויפט יעדען קוואנטום פון 25 דקג.

**A. MARGULES**
Radom, Kozieniecka 6.

בעמערקונג: די פרייזען ווערען נאטירט געוני לויט דער מעטאל-בערזע.

# דער קהלה־ראט און די פערוואלטונג.

מיר האבען שוין בעטאנט, אז איי־גענטליך ערשט איצט, נאך די פאר־געקומענע וואהלען צום קהלה־ראט, הויבט זיך אן דער ריכטיגער שווער־פונקט פון די וואהלען, וואס בעשטעהט אין די וואהלען צו דער קהלה־פער־וואלטונג.

לאמיר עס זאגען אפען און דייט־ליך: דער קהלה־ראט אלס אזעלכער האט לויט'ן געזעץ כמעט נישט צו ערפילען קיין שום רעאלע פונקציע אין קהלה־לעבען, דאס איינציגע און זאגאר זעהר חיכטיגע וואס דער ראט האט צו טהון איז דאס צונויפשטעלען יעדעס יאהר דעם קהלה־בודזשעט.

אמת, אז דער בודזשעט איז אלעס, ער נעמט ארום די גאנצע קהלה־ווירט־שאפט צו אלע איהרע צווייגען און אינ'ם בודזשעט שפיגעלט זיך אב די גאנצע טהעטיגקייט פון דער קהלה, און דאס צוזאמענשטעלען דעם בודזשעט האט ממילא פיעל צו זאגען, אבער דער ראט מאכט דעם בודזשעט בלויז אויפ'ן פאפיר, דאגעגען אויסגעפיהרט און פערווירקליכט ווערט דער בודזשעט שוין דורך דער פערוואלטונג.

לאמיר דאס ערקלערען דייטליכער און גענויער.

דער ראט זיצט טעג און וואכען אי־בער'ן בודזשעט, עס קומען פאר לאנ־גע דיסקוסיעס מיט ויכוחים וועגען יע־דער פאזיציע בעזונדער, די ראטמע־נער אמפערען זיך וועגען געוויסע סו־מעס וואס מען דארף ארייננשטעלען אדער נישט ארייננשטעלען, וועגען פא־זיציעס וואס דארפען זיין גרעסער אדער קלענער וכדומה. די פרנסים שטעלען זיך צונויף פון פערשידענע ריכטונגען, יעדער וויל פערטיידיגען זיינע פאזיציעס, און אויסנוצען דעם בודזשעט פאר די זאכען, וואס זענען לויט זיינע אנשויאונגען וויכטיגער און נויטיגער פאר דער יודישער בעפעל־קערונג, מיר ווייסען אויך, אז איבער־הויפט איצט פאר די לעצטע וואהלען האבען פערשידענע ליסטעס צוגעזאגט צו געבען די וועהלער פון „מיקען־שמאלץ", צו שיטען סובסידיעס ווי האגעל, אונטערשטיצען די אלטע עק־זיסטירענדע אינסטיטוציעס און אויפ־צובויען נייע, וועלען דאס טאקי די נייע פרנסים קומען מיט נייע כוחות און וועלען ווייזען זייערע וועהלער וואס זיי קענען.

וועט מען זיך מן הסתם אוועקזעצען און שוויצען איבער דעם בודזשעט, און וועלענדיג אלעמען צופרידענשטעלען וועט מען נישט זיין קארג, נאר מען וועט ארייננשטעלען אין בודזשעט אלעס וואס ס'איז נויטיג. דאן וועט מען זיך נעמען צום צוזאמענשטעלען די הכנסות וואס ווערען גענומען פון עטאט, פון דער שחיטה, און נאך אזעלכע איינ־קונפטען. די הכנסות וועט מען זעלבסט־פערשטענדליך מוזען אהערשטעלען אין דער גרויס, אז זיי זאלען דעקען די אלע פאראויסגעזעהענע הוצאות, און דער בודזשעט איז פערטיג, דער ראט האט דאס זייניגע געטהון.

דאן קומט דאס פראקטישע.

די פערוואלטונג, די פאקטישע לייטערין פון דער קהלה נעמט זיך אויס־צופיהרען דעם בודזשעט, זי וויל מיט'ן גאנצען הארץ און מיט אלע מעגליכ־קייטען זיך בעמיהען אדורכצופיהרען דעם בודזשעט אין זיין גאנצער גרויס. אויך זי וויל אלעמען צופרידענשטעלען ווארום אויך אין דער פערוואלטונג גע־פונען זיך כמעט די זעלבע ריכטונגען, אבער זי, די פערוואלטונג טרעפט זיך שוין אן מיט'ן פאקטישען לעבען, מיט דער טרויעריגער און הארטער ווירק־ליכקייט.

עס ווייזט זיך ארויס, אז די פאר־אויסגעזעהענע הכנסות פליסען ווייט, ווייט נישט איין אין דער אנגענומע־נער סומע, דער עטאט־צאהלער איז פערארימט, ער קען נישט צאהלען, און קיין פעקוועסטראטארען מיט קיין „עגלות" האט די קהלה נישט, און ווען זי זאל זיי יא האבען קען זי דאך אויך נישט ביי עטאט־צאהלער אוועק־נעמען דעם לעצטען ביסען, ווארום מען קען דאך נישט נעמען פון דעם ארימאן און געבען א צווייטען. דאן די שחיטה, דער גרעסטער הכנסה־קוואל פון דער קהלה. אויך ביי דעם קומען קיינמאל נישט ארויס די הכנסות אזוי ווי מען האט זיי אבגעשאצט.

ווייסען מיר דאך, אז זאגאר די פאריגע קהלה האט אויך געפרובט אנ־נעמען פערשידענע מיטלען, אז עס זאלען אין דער שחיטה נישט פארקו־מען קיין שווינדלערייען, אז ס'איז פערהאנען געווען א ספעציעלע שחיטה־קאמיסיע וואס האט געהאט די אויפ־גאבע צו וואכען איבער דער רעיעלער אין געוויסענהאפטער פיהרונג פון די שוחטים. אבער ווי עס זאל נישט זיין איז א גרויסער ספק אויב די שחיטה וועט ביי דער בעסטער רעארגאני־זירונג ברענגען דאס וואס מען שטעלט זיך פאר.

און אזוי איז אויך ביי אלע אנ־דערע הכנסות, דאגעגען איז דאס ווי־דער גראד פערקעהרט ביי די הוצאות וואו עס קומען שטענדיג פאר אונ־פאראויסגעזעהענע אויסגאבען, מיט וועלכע דער הוצאות־טייל פון בודזשעט פערגרעסערט זיך און דאס ברענגט דערצו, אז דער צונויפגעשטעלטער דורכ'ן קהלה־ראט בודזשעט איז לגמרי נישט רעאל און דעם פאקטישען בודזשעט מאכט דער אויספיהר־אר־גאן — די פערוואלטונג, ווי מיר ווע־לען דאס בעווייזען אין קומענדען ארטיקעל.

י. פ.

— די — שענסטע טאפעטען
צו זעהר ביליגע פרייזען
קען מען נור בעקומען
אין דער לאנג־יעהריגער פירמע
ש. שטיינמאן
ראדאם, לובלינער 21.

# טאג־בוך פון א ראדאמער זעלבסטמערדער

## אין ווארשא הוליעט מען און מ'לעבט א גוטען טאג און פון הונגער זעץ איך אויס א שויב אין א רעסטאראן.

ווי איך האב שוין דערצעהלט, בין איך נאך פערשידענע גלגולים, מא־טערגישען און פייניגונגען אנגעקומען האלב צו־פיס און האלב מיט שלעפ־וועגעלעך קיין ווארשא.

איך האב קיין ווארשא גארנישט גע־בראכט, איך בין געקומען כמעט נאקעט און בארוויס. פון קיין געלד רעדט מען שוין נישט. איך מיט מיין פרוי און מיין יונגסטע טאכטער האבען באלד אין ערשטען טאג פון אונזער ארייגעהן קיין ווארשא נישט געהאט דעם ערשטען טריט וואו צו שטעלען. מיין גאנצער באגאזש איז בעשטאנען פון א טארבע מיט שטיקלעך ברויט און חלה, וואס זענען אויפ'ן וועג פער־דארט און פערטריקענט געווארען. יא, פון נאך א זאך איז בעשטאנען מיין באגאזש, וואס כ'האב געבראכט קיין ווארשא: פון טרויעריגע און ביטערע ערינערונגען, וואס האבען מיר גע־מאכט צווייפלען, צי לעב איך אויף דער וואהר, אדער מיר חלומ'ט זיך בלויז, אז כ'לעב. ווארום באמת איז נישט געווען צו־פערשטעהן, אז מיין הארץ זאל נאך קאנען קלאפען און, אז אין מיר זאל זיך נאך בעוועגען אפילו איין אדעריל, נאך אזעלכע שטורמען, טראגעדיעס און מורא'דיגע איבערלעבענישען, וואס האבען אויף מיר געהאגעלט ווי א מבול פון פייער מיט וואסער.

געקומען קיין ווארשא, האב איך ממש די שטאדט נישט דערקענט. פאר מיינע אויגען האט זיך ענטפלעקט א ניי בילד. נייע מענשען און א ניי לע־בען. קודם כל האט זיך אין מיינע אויגען געווארפען דער שטויגענדער פאקט, וואס פון א שטיק היסטאריע איז געווארען א לעבעדיגע ווירקליכ־קייט. איך האב געזעהן אויף די ווארשאווער גאסען מארשירען פויליש מי־ליטער, פולישע פאליציי, און איבע־ראל איבער אלע פריהערדיגע רוסישע רעגירונג'ס־געביידעס האב איך בע־מערקט העגגען פוילישע פעהנער און דעם פוילישען אדלער. איבער די גא־סען זענען געלאפען יונגלעך, צייטונגס־

# בעריכטס-טעטיגקייט

## פון דער פסח-אַקציע דורכגעפיהרט דורך דער הילפ'ס-געזעלשאַפט „עזרה" אין ראַדאָם

### אין יאהר 1931 (תרצ"א).

**איינקונפט**

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| געזאמעלט ספעציעלע נדבות מעות חטים (ביי 306 פערז.) | 50 | 3.916 | | |
| פון פערקויפטע פראָדוקטען (פערבליבענע) | | | | |
| און צוקער זעק | 17 | 67 | | |
| פון דער היגער קהלה-פערוואלטונג, מצות | | | | |
| און נאטור (אויף אונזערע באָנעס) | 00 | 5 067 | 67 | 9.050 |
| געדעקט פון אייגענע פאָנדען | | | 25 | 658 |
| | | | 92 | 9.708 |

**אויסגאבען**

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| 4.504 קלג. מצות | 00 | 5.067 | | |
| 485 1/4 „ „פּאַטאַקאָל" | 02 | 1.478 | | |
| 480 „ צוקער | 00 | 910 | | |
| 948 „ ציבעל | 80 | 568 | | |
| 163 „ ליכט | 60 | 375 | | |
| 1060 פלאַש וויין | 90 | 1.273 | | |
| פערשידענע אויסגאבען (פאַפיר-בייטלען) א.ד.גל. | 60 | 35 | 92 | 9.708 |
| | | | 92 | 9.708 |

**פון דער אויבענדערמאָנטער אַקציע האָבען גענאָסען 1.100 משפחות.**

### אויף דער אויבענדערמאָנטע אַקציע האָבען געשפענדעט

### פאָלגענדע פערזאָנען לויט „א'ב".

ה"ה: פרעזעס אדלער איתמר, אדלער וו.ל., אדלער שמואל, אדלער שלמה, אורבינדער דוד, אייגער ישעי', איידעלשטיין וואָלף, אייזמאַן מאָטל, אייזענבערג משה, „אייכענבוים ברידער" (קילינסקי), אייכענבוים מאיר, אנשער דענט., אָסטראָוויעצקי מ. ל., אסטריאן ל., אָפּאַטאָווסקי לייב, אָפּאַטאָווסקי מ. (לוב. 9), אַפּעלבוים חיים יעקל. אַפּעלבוים ירחמיאל, אַקערמאַן אהרן.

ה"ה: באַנקער אדאָלף, באַנקער הערש, באַנקער יוסף, באַנקער יעקל, באָרענשטיין אַלעקס., באָרענשטיין הענריק, באָרענשטיין זלמן, בוכמאַן איגנאַצי, בואַשאַקי ש., בוים ש. י., בוים מתתי', בוימזעצער אברהם, ביאַלסקי ירחמיאל, ביאַלסקי שמעלקי, „ביאַלאַנער ברידער", בינענטאַל אבנר, בירנבוים אברהם, בירנבוים משה אהרן, בלאַכמאַן דוד (דלוגע), בלאַממאַן דוד (כקאַריש.), בלאַס יוסף, בלומאַן משה, בלושטיין י. (וואַרשא), בליכער נתן, בעקערמאַן לעאָן, בערגער ש., בערנבאַום (לוב. 11), בראַווער ה., „פאַמיליע בריקמאַן" בוטעלער א.

ה"ה: גאָטליב לייזער (דלוגא), פירמע „א. גאָלדבערג", גאָלדבערג אהרן, גאָלדבערג יונה, גאָלדבערג בנימין, גאָלדבערג זעליג, גאָלדוואַסער ישראל, גאָלדפאַרב יואל, גאָלדקאָרן ישעי', גאָלדשטיין ישעי', גאָלדשטיין מענדעל, גארפינקעל איתמר, גארפינקעל בער, גארפינקעל משה, גוטמאַן אלי הערש, גוטמאַן הערשל, גוטמאַן חיים, גוטמאַן (ליב. 2), גוטמאַן שמואל, גוטשטאַדט הערשל, פ' גוטשטאַדט פעסי, גינצבורג נחום, גליקלער הערש, גליקשטיין ראובן, געליבטער אברהם, געליבטער לאַזער, גערשטענמאַן נתן. גראָספעלד אהרן מאיר, גראָספעלד מענדעל, גראָספעלד ש., גרין יוסף, גרין יצחק, גרינוואַלד י. ד., גרינשטיין וו. גארפינקעל הערש.

ה"ה: דאמסקי הלל, דאנציגער הירש מרדכי. דאנציגער לייב, פירמע „דיאַמענט-ראָזענבערג", דיאַמענט יוסף, פ' דיאַמענט רחמה, דען יחיאל.

ה"ה האָכבוים פייוול, פרוי האָלצקענער (לוב. 61), האָלצקענער ישראל, האַמערשטיין משה, האָניגמאַן דוד, האָפמאַן פישל, האָפענהיים מיכאל, האָראָוויטש בנימין, פירמע „האָראָוויטש מ., קאַהמאַן ד. און פרידלאַנד א.", האָראָוויטש מ. י., הימעלפאַרב ה. ל., הירש יעקב, הירשבערג משה, הירשזאָהן מרדכי, העכטמאַן יעקל, הענדעל יעקב שמחה, הענדעל לייב, הענדעל שלמה, הערשמאַן זכרי', הערשענהאָרן מלך, הערשענשטרויס יונה.

ה"ה: וואָלקאָוויטש דענט., וואָלמאַן ד., וואולף ר., וואַקשלאַק א. (רינעק) וואַרשעבראַט יוסף,ווייכמאַן מלך, וויינאַפּט בעריש, וויינאַכט ח. א., וויינבערג מענדעל (דלוגא), חיצע פרעזעס וויינטרויב הענעך, וויינשטאָק משה, ווייספוס אברהמ'שע, ווישליצקי משה, וועגנער ז., ווערבער יוסף מאיר. ווייסמאַן א.

ה"ה זאַנגער [illegible] זיגמאַן ג., זיידמאַן ישראל, זיידענבערג שמואל, זיירענוועבער מאיר. זיידענווערגער לאַזער. זיידענשניר ה., זילבערבערג יונה, זילבערבערג י. ד., זילבערשטיין י., זילבערשטיין ש., זילבערשטרום י. זעליגער ק.

ה"ה: טאַטאַר דענט. טייכמאַן מענדעל, פעדוו. מיטגל. פ' טייטעלבוים חנה טענעבוים אברהם, טענענבוים יוסף, פ' טענצער אַלטי.

ה"ה: יאַמעס משה, יאַנאָווסקי משה, יצקאָוויטש חיים, ישורין יעקב.

ה"ה: כוואַט ש., כמיעלארזש שלמה.

ה"ה: לאנדאן לאזער, לאנדוי מארעק, לאנדוי משה (ריווינסקא), לאנדוי משה (מאניושקע), פירמע „לאנדוי-ואַבריסקי", לאנדוי פאביאַן, פירמע „לאַסט-מאַן-האָכבערג", לאַקס אלעקסי, ליבוואַק זלמן, וויצע פרעזעס ד"ר לעווי י. לעווין אהרן יוסל, לעווין ש. „לעפלויער י. מ. און זוהן", פירמע „לעשטש-טייכמאַן". לאנדוי הערש.

ה"ה: מאכאראָווסקי משה, מאנדעלבוים אהרן, מאנדעלקאָרן א., מייער אדוו., „מיהל באקמאַן און שותפים", מילשטיין גדליה, מילשטיין נחמי', פ' מינסקא ס., מינצבערג שלמה, מעדאַליאָן דוד, פ' מעלכיאר חי', מענדעלזאָהן הערמאַן, מענטליק א., מערין א., מרגליות אביש, מרגליות אברהם, מרגליות יצחק, מרגליות יעקב מענדיל, מרגליות משה.

ה"ה: נאָדעל דענט., נאכטיגאל בער, נארדווינד מ', נויפעלד משה, נייִמאַן חיים, נייִמאַן נתן, פעדוו. מיטגל. נירענבערג מ. י.

ה"ה: סאָווע דוד, פרוי סאָלבע מ., סאָנדעל (אָבאָזשיסקא), סאַפירשטיין אברהם, סעמיאַטיטש י. מ., סענאַטאָר י.

ה"ה: פירמע ערליך (וואהל 15

ה"ה פיינגאָלד שלמה, פיינגאָלד ישראל, פינקעלשטיין א. (רינעק 7), פינקעלשטיין וו. ד"ר, פינקעלשטיין זיסקינד, פינקעלשטיין ל. ד"ר. פישמאַן אברהם, מערוו. מיטגל. פישמאַן יצחק, פישמאַן מלך (רזווינסקע), פישמאַן מלך (זגאָדנע), פעלדמאַן הערש, פעלדשטיין מ., פעפער שאול, פערסטער יחזקאל, פערסטער מרדכי, פרידמאַן (לוב. 40) פרידמאַן א. (סט. קראק. 11) „פרידמאַן ברידער" (קילינסקע) פרידמאַן יוסף, פרידמאַן לייזער, פרידמאַן מאָטל, פרידמאַן משה פריידאַס דענט., פרענקעל דוד דירעקטאָר, פוקס א.

ה"ה: פ' פאָזנאַנסקא פר., פוראַטשעווסקי ש., פרזשעדנאָוועק נח.

ה"ה: צווייגענבוים יכתיאל, צונג ד"ר, צוקער חיים, צוקער משה (וואָעל 13) צוקער משה (דלוגא 11), צימערמאַן הענעך, צמח מאָטל, צעדערבוים ב. מ., צעסארסקי יוסף.

קאָאָפעראַטיווע בענק; „כפולדזיעלניאַ קרעדיטאָווא" (פל. דריטער מאַי 2) „קאַסאַ זאַליטשקאָווא" [דלוגא 1], „באַנק אודזשאַלאָווי" (לוב. 11), „קרעדיט געזעלשאַפט אין ראַדאָם".

ה"ה: קאדישעוויטש ד"ר, קאטליאר אדאָ. (וואַרשע) פ' קאלינסקא א., קאלינסקי אהרן, קאלקשטיין ע., קאמינער אלעקס, קאַנפעל יעקב, קאסאי י., קאַפּלאַן נתן קאַפער דוד. קאצמאַן מ., קאַרמאַן זוד (מאניושקי 3), קארמאַן חיים, קארמאַן מאָטל, קארמאַן שמואל, קארמאַן שמערל, קויפמאַן יהודא, פרוי קויפמאַן ש. קירבערג אברהם, קוראווער סט., „קורץ ברידער", קינצלער י., קירשענבוים

זכרי, קירשענבוים יונה, קליינמאן משה, קעלערווארם ד"ר. קעניגסבערג יוסף, קעניגסבערג חיים, קעסטענבערג שמואל. הרב יחיאל קעסטענבערג, קרול יצחק, ה"ה ראזענבוים תנחום, ראזענבערג יצחק מאיר, ראזענצווייג ישעי' ראטפלאט אייזיק, ראטענבערג אברהם, ראטענבערג יעקל,ראיאל יצחק מאיר, פ. ראפאלאוויטש, ראגאפארט מלך, ראקאטש דענט., ראקאטש פישל, רובין יוסף, רובינליכט ל., פירמע „מ. רובינשטיין" (גיסעריי), רובינשטיין משה (לוב. 30), רווזשיצקי זינדעל, רייך בנימין, רייך יוסף, (לוב.5) ריישער שמעלקי, פערוו. מיטגל. ריכטמאן מיכל, ריכטמאן משה (דלוגא 13) ריכטמאן קלמן ריכטמאן (לוב. 12) רעמבישעווסקי משה ליפא.

ה"ה שטארקער נ. אדוו. פירמע „שטיינמאן-בירנבוים". שטיינמאן יהושיע, שטילער אדוו. שלימער אברהם, שניידערמאן מאיר, פערוו. מיטגל. שענדעראוויטש נ. ד"ר, שרייבער אברהם יעקב, שרייבער אהרן, שרעק נתן.

די חשובע ה"ה שפענדערס דריקט אויס די פערוואלטונג דורך דעם וועג איהר טיפסטען דאנק, בעזונדער דעם ה' גיימאן ברוך (ב"ן) פאר זיין בעטייליגען זיך אין דער געלד-זאמלונג.

הילפ'ס געזעלשאפט א. נ. „עזרה"

—— אין ראדאם ——

פרעזעס (—) איתמר אדלער

סעקרעטאר (—) ד"ר נ. שענדעראוויטש.

# קעלצער אבטיילונג.

## די ערשטע זיצונג פון קהלה-ראט.

נעכטען, פרייטאג 3 נ. מ. איז פארגעקומען די ערשטע זיצונג פון ניי געוועהלטען קהלה-ראט. עס איז געוועהלט געווארען א פרעזידיום און קאמיטיע דורכצופיהרען די וואהלען פון א פערוואלטונג.

## א דעלעגאציע פון קעלצער האנד-ווערקער ביים וואיעוואדא.

נאך פיעל ווענדונגען פון א רייהע שטעדט, אז ס'דראהט פערמאכט צו ווערען פיל יורישע בעקערייען, ווייל זיי ענטשפרעכען נישט די סאניטארע בעדינגונגען האט דער האנדווערקער-פעראיין אין קעלץ געשיקט א דעלעגאציע צום ה' וואיעוואדע. די דעלעגאציע אין וועלכער ס'האבען זיך בעטייליגט פרעזעס י. גוטמאן און פאדסטארשע פון בעקער-צעך ח. שטארקמאן האבען זיך פאריגען פרייטאג פארגעשטעלט פאר'ן ה' וואיעוואדע מיט א געהעריגען מעמאריאל וועגען די בעקערייען. דער וואיעוואדע האט זיך זעהר טעראינטערעסירט מיט די לאגע פון די בעקער און האט פערשפראכען די דעלעגאציע די ביטע צו בעריקזיכטיגען, נאר נישט ווי איהר פערלאנג איז ביז'ן יאהר 1940, נאר ביז 1933.

גלייכצייטיג האט זיך דער וואיעוואדע געוואנדען צו ה' י. גוטמאן, ער זאל מעלדען אלע חברים בעקער פון דער וואיעוואדזטווא, אז אין אזעלכע בעדינגונגען, ווי די בעקערייען געפונען זיך אין יעצטיגען מאמענט, מיזען נאכ'ן יאהר 1933 צוגעפיהרט ווערען צו א בעסערען צושטאנד זיי זאלען ענטשפרעכען די סאניטארע, ווי אויך די מעכאניזאציע-פארשריפטען.

## דער אלעקסאנדערער רבי אין קעלץ.

מיטוואך איז געקומען קיין קעלץ דער אלעקסאנדערער רבי. ביי דער באהן האבען איהם אבגעווארט טויזענטער חסידים פון קעלץ און אומגעגענד. דער רבי וועט דא ווייל'ען ביז דינסטאג די קומענדע וואך. אויף היינטיגען שבת זענען קיין קעלץ געקומען א גרויסע צאהל חסידים פון דער גאנצער ארומיגער פראווינץ.

דער רבי שטעהט איין ביים היעגען אלעקסאנדער חסיד חיים יודל ענגלענדער אויף שענקעוויטשא 15.

### רעזולטאט פון די קאנגרעס-וואהלען אין קעלץ

ליסטע 1—38 שטימען. 2—16 שטימען 3—219 שטימען. 4—138 שטימען. 5 — 130 שטימען.

## בילדלעך, קוריאזען פון די קאנגרעס-וואהלען איז קעלץ.

עס ליעגען נאך אין זכרון די הייסע טעג פון די קהלה-וואהלען, די אגיטאציע און ארומרייסעניסען פון די אלערליי ליסטעס. און דא נאדיר פלוצלינג — פרישע וואהלען.

יודען פון א גאנץ יאהר האבען געקוועטשט מיט די קעפלעך און געפרעגט שאלות, ווען זיי האבען זונטאג ביייטאג געזעהען אויף דער גאס א וואהל-געדרודער מיט טראנספאראנטען, מיט נומערען און מיט אלע זאכען, וואס זענען נור שייך צו וואהלען.

### א שקל ביי דער קאסע...

קיין קוריאזען האבען נישט געפעהלט. אט שטעהען פאר'ן טויער פון דער וואהל-ביורא אגיטאטארען מכל המינים און פערטשעפען יעדען דורכגעהער, אויף וועלכען ס'קאן נאר פאלען א חשד, אז ער איז א שוקל.

עפיס א נידעריגער יונגערמאנטשיק מיט אמעריקאנער ברילען געהט פערביי. באלד לויפט צו א צעהיצט בחור'ל אין א בית"ר מונדור און דערלאנגט איהם א נומערל: — שטימט נאר פאר זשאבאטינסקי. געדענקט, לאזט אייך נישט פערפיהרען. דער יונגערמאן שטעהט א ווייל צעטומעלט, אבער ער נעמט דאס נומער'ל און וויל ווייטער געהען.

אבער דא שפרינגט אונטער א וואוילי יונגערישער „פרייהייטאוויעץ", מיט א לאנגען אראבגערוקטען דאשעק פון וועלכען מען זעהט קוים ארויס א פאר בייזע אויגען און טהוט מיט כעס א שפוף אוועק זיין געגנער, זאגענדיג צום יונגערמאן: — וואס? פאר פאשיסטען, פאר היטלעראווצעס געהט איהר שטימען? איהר גלויבט נאך די שאוויניסטישע „שווערלעך"? דא האט איהר א 5 און געהט שטימען. — יא און א שקל האט איהר? — דערמאנט זיך דער אגיטאטאר. — א שקל? ניין כ'האב נאך נישט. — טא האט איהר דאך אינגאנצען נישט קיין וואהל-רעכט – צובייזערט זיך דער אגיטאטאר. — בייזערט אייך נישט אזוי. וועל איך ביי דער קאסע קויפען א שקל -- ענטפערט דער יונגערמאן און לאזט זיך געהען צו דער וואהל-ביורא.

### ער שטימט אין מאגיסטראט...

נו, פארוואס געהט איהר נישט ארויף שטימען? — האט פרעטענסיעס א יונגער מזרחי'סט צו א עלטערען בעקאנטען יוד, וואס איז געשטאנען האדט ביים טויער פון וואהל-לאקאל. מיין ליעבער — ענטפערט דער יוד — שטימט אין לאקאל פון מאגיסטראט...

### פארוואס איז על-המשמר דורכגעפאלען

נאך ביייטאג האט מען פאראויסגעזאגט, אז די ליסטע 1 פון על-המשמר ווערט דורכפאלען. מען האט נישט געוועהען קיין איינעם אגיטירען פאר דער ליסטע.

וואו זענען עפיס די בעקאנטע על-המשמר'ניקעס, די גרינבוים'יסטען, די ראדיקאלען? — האבען ציוניסטען געפרעגט.

ס'איז נישט געווען קיין תירוץ דערויף.

בלויז וועגען איינעם, וועגען ח. ז. האט מען אנגעוויזען די סיבה פון זיין אבסטינענץ:

— ער איז ביין אויף גרינבוים'ען, דערפאר ווייל ער האט איהם נישט ארויסגעשטעלט אלס קאנגרעס-דעלעגאט.

ליבעלע

צו פערקויפען א מאשין פון ביער
פון שוין
מיט צוזאַ קראַנען כמעט ווי נײַ
אינפאָרמירען קאָן מען זיך
אויף מארשאלקא פאַש (פריהער זגאַדנע) נומער 5, וואָהנונג 3.

## בעקאנטמאכונג.

די דירעקציע פון דער גימנאזיע
„פשיאטשול וויעדזי" אין ראַדאם
(מיט רעגירונגס-רעכט),
מאכט דערמיט בעקאנט, אז די איינטריטס-עקזאמענס פאר קאנדידאטען אין אלע קלאסען וועלען זיך אָנהויבען דעם 19-טען טשערוויעץ ה. י. 9 אין דער פריה.
די קאנצעלאריע פון גימנאזיע (קילינסקי 13) נעמט-אָן מעלדונגען און ערטיילט אינפאָרמאציעס פון 9—14.

דירעקציע.

## RZEŹNIA MIEJSKA
sprzedaje
# Lód sztuczny
po CENIE: 4 gr. za kilogram loco Rzeźnia Miejska
6 gr. „ z dostawą do domu
Zamówienia na lód uprasza się zgłaszać w godzinach urzędowych do biura Rzeźni osobiście lub telefonicznie
Telefon Nr. 562.

BIURO
buchalterji, korespondencji handl. oraz próśb i windykacji należności
„EXPRESS"
Malczewskiego 6 lub Żeromskiego 9 w podwórzu
ZAŁATWIA: buchalterję, prośby do wszystkich Władz rządowych, Sądowych, i Komunalnych, przepisywanie na maszynach, tłomaczenie języków obcych, windykacje weksli, i informacje o zdolności kredytowej i administracja domów.

דאס ביטע-שריפט-ביורא
„עקספרעסס"
— לובלינער 9 —
אָדער מאַלטשעווסקיעגאָ 6
ערלעדיגט פינקטליך ביטעס אין אלע אוזשאָנדען, געריכטליכע, אדמיניסטראטיווע און קאָמונאלע אינסטיטוציעס, אויך וועגען שטייערן און דירה - סכסוכים. פאר בראָטעסטירטע וועקסלען ווערט אויסגעצאָהלט קאסע.

## ZAWIADOMIENIE.
OTWORZONY ZOSTAŁ
PENSJONAT w ANTONIÓWCE
DLA DZIECI i MŁODZIEŻY.
Wybór doborowy! — Ilość osób ograniczona!
Nadmieniamy, że prócz doskonałego położenia willi, kuchnia ściśle rytualna, hygieniczna obfita i zdrowa, prowadzona pod naszym osobistym kierownictwem. Mamy nadzieję że, wieloletnia praca p. J. Rochman na tem polu, będzie dla rodziców rękojmią moralnej i fizycznej opieki ich dzieci.
Jadwiga Rochman-Czarna
i Fela Ejger-Wajsbrot
Bliższych informacji udziela się na miejscu i u p. Ejgera Wałowa 5.

א הארציגען מזל-טוב די פאמיליע זיסמאן
צו דער חתונה פון זייער זון
פנחס זיסמאן מיט פר"ל ראמע גוטמאן
מיר ווינשען אייך א סך נחת פון יונגען פארל.
מלכה, מינדעל, שמואל אלי, שלום.

סוף פון זייט 5

געווארען אלס א טענדענציעזע, וואס האט ארויסגערופען פראָטעסט-אויסרופען אויף זיין אדרעס פון גאנצען פלאץ. ר.ק.ס. האט אלזאָ דורך דער פאוואריזירונג פון ריכטער דערגרייכט 2 „גאָלען", אויף וואס בר-כוכבא האט גלייך געענטפערט מיט פערלאָזען דעם פלאץ. צווישען פובליקום איז דאן ענטשטאנען הייסע ויכוחים, וואס האבען זיך פערענדיגט מיט „האנד-ארגומענטען", בעת וועלכע ס'זענען צעשלאָגען געווארען א טייל אנהענגער פון ביידע מאנשאפטען.

ס'איז נישט צו פערשטעהן, וואס די העכסטע אינסטאנץ, דער „פאָדאָקרענג" מישט זיך נישט אריין, כדי אריינצוברענגען אָרדנונג און צווינגען די שפּילער און איבערהויפט דעם „סענדזיע" זיי זאָלען זיך האלטען שטרענג אָן די כללים פון פוטבאָל און ס'זאל זיך מעהר נישט איבער-חזר'ן אזעלכע פאלען.

דער מעטש צווישען בר-כוכבא און ר.ק.ס. איז פארגעקומען אויפ'ן פלאץ פון 72 פולק.




נערוועז און קאָפּ ווייטאג
בעזייטיגט שנעל און ווירקזאם טאָגאל נישט שעדליך פאר'ן הארץ, מאָגען און אנדערע אָרגאנען. טויזענדער ליידענדע האבען צוריקבעקומען זייער געזונד מיט דער הילף פון טאָגאל. פרובט אליין נאָך היינט, נור פאָדערט אָריגינעלע טאבלעטען טאָגאל. ס'איז נישטאָ קיין בעסערס אין אלע אפטייקען. פרייז 2 זל.




דערמיט געפינען מיר פאר נויטיג צו דערגענצען דעם עפענטליכען דאנק (אין ראד.-קעלצער לעבען 360) פון פרויען-קרייז וועגען איי-באזאר. דורך א פערדריסליכען טעות זענען דורכגעלאָזען געווארען די נעמען פון פאָלגענדע פירמעס: עזריאל גראָספעלד (זייף-פאבריקאנט גורני 24) אבא האָן, אהרן, קאלינסקי, אישעלע זילבערשפרום, מיכאל ויידמאן, בריקמאָן, ראקאָטש, בערנעמאָן, זעליגער, גאָלדבערג. לאנדאו, „בלומאָן עט קאָכען", זילבערשטיין, מ. מרגליות, טאָבאקמאָן, האמערשטיין, וויינבערג, ברעסלאוער, געליבטער, באנקער, ל. מרגליות, פאָטאָזשניק, האָכענהיים, בירענבוים, גוטשטאָדט, דיאמענט.
די אלע דערמאָנטע פירמעס דאנקען מיר זעהר.
פרויען-קרייז אין ראָדאָם.

נויטיג — פעהיג — לערן-יונגעל
פון באלד אין דרוקעריי „רעקארד" לובלינער 9.




Felczer H. GRINSZTEJN Żeromskiego 30 Szczepienie ospy.

Redaktor Ch. M. Herc
Drukarnia Wyd. „Radomer-Kielcer Leben" Radom Szwarlikowska 20